בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן

**פונעם ראש ישיבה שליט"א,**

שבת קודש פרשת כי תצא, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין

וויליאמסבורג יע"א, ביי שלש סעודות.

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## בארא פארק
4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונדון
23A St Andrew's Grove
**447388582855**

## קרית ברסלב
ליבערטי - ניו יארק

### האשקי
181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל
291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה
187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק
2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה
67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים
21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

## ירושלים
רח׳ רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק
רח׳ ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה
רח׳ משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש
רח׳ ריב״ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד
רח׳ רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל
רח׳ המייסדים
**052-716-3184**

## צפת
רח׳ צהל 1
**050-412-6101**

נדפס ע״י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**

צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט״א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר אידישע שטוב
**212.444.9169**

צו באקומען וועכנטליך
**דעם ספר,**
**ביטע שרייבט צו:**
smbreslev1212@gmail.com

בעזרת השם יתברך

סֵפֶר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן

**פונעם ראש ישיבה שליט"א,**

שבת קודש פרשת כי תצא, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין

וויליאמסבורג יע"א, ביי שלש סעודות.

# שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסבּוּרְג יע״א.

## בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָנִים תג, תד, תה.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: מִיר שְׁטֵייעֶן דָאךְ יֶעצְט פַארְ׳ן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועלְן מִיר לֶערְנֶען אַבִּיסְל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אִים.

### חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תג

גֹּדֶל יִקְרַת רֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁלּוֹ, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אָמַר, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר אוּן זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר, קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן. כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווַייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כָּרוֹז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אוּן זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן. וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַּקִּים, כִּי חֶדְוַת ה׳ הִיא מָעֻזְּכֶם, וְזֶה נֶאֱמַר עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (נְחֶמְיָה ח, י): ״אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַּקִּים ... כִּי חֶדְוַת ה׳ הִיא מָעֻזְּכֶם״, עֶסְט אוּן טְרִינְקְט גוּטֶע זַאכְן, ווַייל דִי פְרֵייד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶנְקֶער שְׁטַארְקֵייט.

### חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תד

אֶחָד אָמַר לְפָנָיו, אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, שֶׁהָיָה נִיחָא לוֹ יוֹתֵר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל שַׁבַּת תְּשׁוּבָה וְלֹא עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, אַז עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס אִיז אִים גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען אוֹיף שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, כִּי אֵין לוֹ מָקוֹם לַעֲמֹד שָׁם בְּבֵית־הַמִּדְרָשׁ, ווַייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין זִיץ אִין בֵּית

הַמִּדְרָשׁ, וְגַם אֵין לוֹ אַכְסַנְיָא טוֹבָה לֶאֱכֹל וְלָלוּן, אוֹיךְ הָאט עֶר נִישְׁט קֵיין גֶעהֶעריגֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ עֶסְן אוּן וואוּ צוּ שְׁלָאפְן, וּמֵחֲמַת זֶה דַּעְתּוֹ מְבֻלְבֶּלֶת מְאֹד וְאֵינוֹ יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר צֶעמִישְׁט אוּן קֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה, עַל־כֵּן הָיָה טוֹב לְפָנָיו יוֹתֵר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ בִּזְמַן אַחֵר וְלֹא בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה, עֶס וֶועט אִים זַיין בֶּעסֶער אוֹיב עֶר וֶועט קוּמֶען אִין אַן אַנְדֶערֶע צַייט, נִישְׁט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. הֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, אִם לֶאֱכֹל אִם שֶׁלֹּא לֶאֱכֹל, אִם לִישׁוֹן אִם שֶׁלֹּא לִישׁוֹן, אִם לְהִתְפַּלֵּל אִם שֶׁלֹּא לְהִתְפַּלֵּל (רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁלֹּא לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה כָּרָאוּי), אַךְ וְרַק שֶׁתִּהְיוּ אֶצְלִי עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה. וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "יָא עֶסִין נִיט עֶסִין, יָא שְׁלָאפִין נִיט שְׁלָאפִין, יָא דַאוִוינֶען נִיט דַאוִוינֶען, אַבִּי דוּ זָאלְסְט בַּיי מִיר זַיין אוֹיף רֹאשׁ־הַשָּׁנָה", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "יָא עֶסְן - נִישְׁט עֶסְן, יָא שְׁלָאפְן - נִישְׁט שְׁלָאפְן, יָא דַאוֶוענֶען - נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אַבִּי דוּ זָאלְסְט זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה". שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן: (וּבֶאֱמֶת כָּל דְּבָרִים אֵלּוּ הַנַּ"ל הֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּפִתּוּיִים שֶׁל הַבַּעַל דָּבָר, כִּי תּוֹדָה לָאֵל נִרְאֶה בְּחוּשׁ שֶׁעַל־פִּי הָרֹב מִתְפַּלְּלִין יוֹתֵר בְּכַוָּנָה בִּכְלַל הַקִּבּוּץ הַקָּדוֹשׁ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, מִמַּה שֶּׁהָיָה מִתְפַּלֵּל בְּבֵיתוֹ), בֶּאֱמֶת זֶענֶען דִי אַלֶע זַאכְן בְּלוֹיז דִמְיוֹנוֹת אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן פוּנֶעם בַּעַל דָּבָר, וַוייל מֶען זֶעט בְּחוּשׁ אַז דִי אַלֶע וָואס קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס קִיבּוּץ - דַאוֶוענֶען מִיט אַ גְרֶעסֶערֶע כַּוָּונָה ווִי דִי וָואס דַאוֶוענֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ.

## מְנִיעוֹת פוּן אִינְדְרוֹיסְן

דִי אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָא, אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג דַאוֶוענֶען אוּן מֶען הָאט נִישְׁט וואוּ אַיינְצוּשְׁטֵיין וְכוּ', דִי אַלֶע זַאכְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם. מֶען דַארְף אָבֶער ווִיסְן אַז ווִילַאנְג עֶס אִיז 'מְנִיעוֹת פוּן אִינְדְרוֹיסְן', פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, - קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, וַוייל עֶס אִיז אוֹיךְ שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת, אִיךְ בִּין עֶס אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, אָבֶער מֶען קֶען עֶס נָאךְ גְרִינְג אִיבֶּער קוּמֶען.

מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן: 'וָואס גֵייט מֶען זָאגְן אוֹיף מִיר?'... - אִיךְ הָאב דָאס אוֹיךְ גֶעהַאט; אִיךְ הָאב גֶעמֵיינְט אַז דִי וֶועלְט גֵייט זִיךְ עֶנְדִיגְן אוֹיב אִיךְ וֶועל פָארְן קַיין אוּמַאן. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן בִּין אִיךְ גֶעווּאוִיר גֶעוָוארְן אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן, מֶען וֶועט מִיר אַרוֹיס וַוארְפְן אוּן אַרַיין וַוארְפְן - אַלֶעס אִיז דִמְיוֹנוֹת.

בַּיי אֵיינֶעם אִיז דֶער מְנִיעָה צוּלִיב גֶעלְט, עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן וַוייל עֶס קָאסְט אִים צוּפִיל גֶעלְט, אֵיי, וָואס טוּט מֶען נִישְׁט פַאר'ן לֶעבְּן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען דָאךְ מִשְׁפָּטְ'ן דִיךְ, דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְ'ן גַאנְצְן יָאר!

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ חַבֵר וָואס פְּלֶעגְט יֶעדֶעס יָאר קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אֵיין יָאר הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט קוּמֶען, פְּרֶעג אִיךְ אִים: "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ מֶער נִישְׁט צוּם רֶבִּי'ן?" זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט אַ בֶּעקֶערֵיי, אוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה מַאכְט עֶר זַיין עִיקָר גֶעלְט, וַוייל עֶר פַארְקוֹיפְט הָאנִיג קִיכְן. אִיךְ קוּק אִים אָן: וֶועגְן דֶעם קוּמְסְטוּ נִישְׁט צוּם רֶבִּי'ן?! עֶנְדֶערְשׁ פַארְקוֹיף דַיין בִּיזְנֶעס אוּן עֶפְן אַן אַנְדֶערֶע בִּיזְנֶעס, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן. אַזוֹי אִיז עֶס, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע בִּלְבּוּלִים. אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט דִמְיוֹנוֹת.

## מְנִיעָה פוּן אִינֶעוֵוייניִג

נָאכְדֶעם אִיז אָבֶּער דָא פִּיל אַ שְׁוֶוערֶערֶע מְנִיעָה, פוּן אִינֶעוֵוייניִג, פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, עֶס הֵייבְּט אָן אַרַיין קוּמֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ בִּלְבּוּלִים: 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ פָאְרן צוּם רֶבִּי'ן, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְיָאר אוּן עֶס הָאט מִיר גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַלְץ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע יָאר'.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס אִיז דִי חִילוּק פוּן אַ לֵב נִשְׁבָּר, אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ - צוּ עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דֶעפְּרֶעסְט, דֶערְבִּיטֶערְט; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מב) עַצְבוּת אִיז זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן טַעֲנוֹת 'אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְיָאר אִין אוּמַאן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע יָאר', אָדֶער 'וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אַז עֶס הֶעלְפְט מִיר סֵיי וִוי נִישְׁט, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ וַוייטֶער מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען', אָבֶּער אַ 'לֵב נִשְׁבָּר' אִיז זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הֶעלְף מִיר אַרוֹיס אִין מַיין צָרָה", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען הֶעלְף מִיר אַרוֹיס אִין מַיין צָרָה".

דֶעם לֶעצְטְן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר פוּן רֶבִּי'ן, שְׁנַת תקע"א אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַ מַעֲשֶׂה. אֵיינֶער פוּן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זָאגְן אַז עֶר דַארְף אַ בְּרָכָה, עֶר אִיז זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן עֶר הָאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים. בִּשְׁעַת עֶר הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דָארְט אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם מֶענְטְשׁ, זַיינְס אַ חַבֵר, אוּן יֶענֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן: "דֶער רֶבִּי זָאל וִויסְן, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז וַוייל עֶר גֵייט אִין מִקְוֶה, דָאס מַאכְט אִים קְרַאנְק", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רחצ): פַארְוָואס זָאלְסְטוּ צַאמְשְׁטֶעלְן זַיין קְרַאנְקֵייט מִיט מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ דָאס אָנְהֶענְגֶען אִין עֲבֵירוֹת, אֶפְשָׁר אַז עֶר הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, עֶר פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת - דָאס בְּרֶענְגְט אִים זַיין קְרַאנְקְהֵייט?! – פַארְוָואס הֶענְגְסְטוּ אָן דַיינֶע צָרוֹת אִין אוּמַאן?! אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע יָאר

מֵיינְט אַז דוּ דַארְפְסְט תְּשׁוּבָה טוּן.

הֵיי יָאר אִיז דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן אַ שְׁוֶוערֶע, אָבֶּער אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין, הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס טוּט זִיךְ אָפּ מִיט אַ נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶס אִיז אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף אַ נְשָׁמָה, אַ נְשָׁמָה קֶען אַרוֹיפְקוּמֶען אִין הִימְל אוּן וֶוערְן פַארְוָואגְלְט אוֹיף הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער יָארְן, אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ פַארְרֶעכְטְן, אֲפִילוּ וֶועם אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן אַ גַאנְץ יָאר", גֵייעֶן מִיר צוּם רֶבִּי'ן אֲפִילוּ וִוי שְׁוֶוער עֶס זָאל זַיין, מִיט דִי פְלִיגֶער, מִיט דִי בַּאן אוּן דִי בָּאס, אַבִּי צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

## חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תה

עָנָה וְאָמַר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַז אִיךְ וֵוייס וָואס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט בַּאקוּמֶען בִּירוּשָּׁה פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאר אִיךְ הָאבּ דָאס בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי**, אוּן נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי**, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

## פוּן וואוּ הָאט מֶען גֶעלְט פַאר דִי נְסִיעָה?

מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וָואס מֶען הָאט צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט קֶען מֶען גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט. בְּעֶצֶם קֶען מֶען שׁוֹין אַוֶועק לֵייגְן גֶעלְט אוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט אָנְהֵייבּ יָאר, אָבֶּער אֲפִילוּ דִי לֶעצְטֶע מִינוּט קֶען מֶען נָאךְ אוֹיךְ גֵיין נָאךְ גֶעלְט.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בַּייגֶעוואוֹינְט אַסַאךְ מָאל וִוי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעטוּן אַן עֵצָה, אַנְשְׁטָאט בָּארְגְן גֶעלְט, גֵייעֶן זֵיי אַרוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, זֵיי בֶּעטְן: "קֶענְסְט מִיר אֶפְשָׁר גֶעבְּן צְדָקָה אִיךְ זָאל קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן?" וֶועסְטוּ זֶען אַז אֵיינֶער וֶועט זָאגְן: "נֵיין", אוּן דֶער אַנְדֶערֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ פוּפְצִיגֶער, אַ הוּנְדֶערְטֶער.

פוּן אִינְדְרוֹיסְן קוּקְט אוֹיס וִוי 'וֶוער

הָאט מִיט בְּרֶסְלֶב? אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט לֶעבְּן אַלֶע פוּן רֶבִּי'ן, אַלֶע ווילְן פָּארְן קַיין אוּמַאן, נָאר יֶעדֶער מִיט זַיינֶע מְנִיעוֹת קֶענֶען נִישְׁט פָּארְן, קֶען זַיין אַז מֶען טְרֶעפְט פּוּנְקְט אָן אִין אֵיינֶעם וָואס ווִיל פָּארְן, אוּן יֶענֶער וֶועט דִיר זָאגְן: "אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק פָּארְן קַיין אוּמַאן, נָאר אִיךְ הָאב מְנִיעוֹת, אִיךְ ווִיל דִיר אוֹיסְצָאלְן דַיין טִיקֶעט, כְּדֵי אִיךְ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דַיין אוּמַאן",

## מֶען דַארְף בַּארוּאִיגְן דִי עֶלְטֶערְן

אִינְגֶעלַייט זָאגְן מִיר אַז זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן רוּפְן יֶעדְן טָאג פְּרֶעגְן: "דוּ פָּארְסְט הַיי יָאר קַיין אוּמַאן?! עֶס אִיז דָאךְ אַ סַכָּנָה צוּלִיבּ דִי מִלְחָמָה מִיט רוּסְלַאנְד!" דַארְף מֶען בַּארוּאִיגְן טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה, עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין גֶעפָארְן אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. מֶען דַארְף נָאר מִתְפַּלֵל זַיין אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

התודה והברכה

לידידינו היקר

ר' חיים מאיר ערפס הי"ו

שנדב סכום הגון לכולל